UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Khaver Golomb Helft Mir Vern A Lererin / Mr. Golomb Is Helping Me to Become a Teacher

## Permalink
https://escholarship.org/uc/item/2bd9v3p9

## Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

## Author
Malkl Jaffe Shaw, Malkl Yafe Sho /

## Publication Date
1978

## Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

מלכה יפה שאַו

# חבר גאַלאַמב העלפט מיר ווערן אַ לערערין

„אַ יום־טוב מאַכט אויף אַלע מערק
און פייערן צינדט אָן אויף בערג,
מיר קומען שטורעמס אָן אַ צאַם
פון לאַנד צו לאַנד, פון ים צו ים —
מיר קומען אָן! מיר קומען אָן!"

טייערער חבר גאַלאַמב:

דאָס ליד פאַרבינד איך מיט אייער אָנ־קומען צו אונדז אין דער י. ל. פּרץ שול אין וויניפּעג, קאַנאַדע. אייער ערשטער יאָר אַלס פּרינציפּאַל אין דער פּרץ שול איז אויך געווען מיין ערשטער יאָר אַלס לערערקע, אין דער קינדערגאָרטן אָפּ־טיילונג.

דאָס ליד איז געוואָרן אונדזער שול־הימן — און ביי יעדער קינדער אונטער־נעמונג האָט מען צוערשט געזונגען: „מיר קומען אָן".

איך זינג ביז היינטיקן טאָג די לידער וואָס איר האָט אַריינגעפירט צו אונדז — ווייל „די טייבעלעך וואַרקען און וואַרקען נאָך אַלץ אין הארץ."

צי געדענקט איר אפשר די לידער וואָס איר האָט איינגעפירט ביי אונדזערע פריי־טיק־צו־נאַכטסן? ווי שיין און ווי עלע־גאַנט מיר פלעגן צוזאַמען באַגעגענען דעם שבת!

אַט שטייט איר ביים הויפּט־טיש — הויך און שלאַנק. איר וואַרפט אייער בליק איבעראַל. פון אייערע אויגן שפּרודלט אַרויס אַ וואַרעמקייט און אַ פרייד, און צוזאַמען פאַנגען מיר אָן מיט קולבאַקס:

„געזען האָב איך יידישע ווערטער,
ווי פייערלעך קליינע."

חבר גאַלאַמב לייענט פון תנ"ך — דער אָונט ווערט אָנגעפילט מיט שטימונגען פון מנוחה און פרייד.

דער קלאַס איינס רעציטירט אַ לענ־גערע פּאָעמע פון קאַדיע מאָלאָדאָווסקי. אַלע זיצן רואיק — מיר אַפּלאָדירן ביט; מיר פאַרציען אַ ניגון אָן ווערטער און פּאַטשן צו צום טאַקט.

אָפט מאָל איז אונדז געלונגען ביי די פרייטיק־צו־נאַכטן צו פאַרבעטן אַ קינסט־לער, אַ פידל־שפּילער, צו הערן אַ טייל פון „ניגון" פונעם קאָמפּאָזיטאָר בלאָך. עס פינקלען די ליכט, און דאָס ליכט שיינט און שפּיגלט זיך אָפּ אין די גרויסע שיסל מיט רויטע עפּל, וואָס שטייען אויס־געשטעלט אויף די ווייס־געדעקטע טישן. אין דרויסן, בעת מעשה, קנאַקט אַ פראָסט, עס פאַלט אפילו אַ שניי אַ טיפער — ווייל איר געדענקט מסתמא „ביי אונדז אין וויניפּעג איז 9 מאָנאַטן ווינטער און דריי מאָנאַטן קאַלט." אין שול־זאַל איז וואַרעם און עס ווערט גוט אויפן הארצן. מיר הערן זיך צו צו אַ קאַפּיטל פון שלום עליכם. מיר פאַרענדיקן מיט געזאַנג און מיר פאַרבייסן מיט עפּל. ס'איז געוואָרן שבת

---

די עקלעקטישע פּראָגראַם פון „בינן" איז — ווי עס איז היינט ניט שווער צו זען — געווען אַ יוגנטלעכער וואַריאַנט פון גאַלאַמבס אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַנטוויקלטער און באַגרינדעטער סכעמע פון אינטעגראַלער יידישקייט, וואָס שליסט איין אַלץ, וואָס איז אויפטואיק און פאַר־זיכיק אין יידיש לעבן, פון בראשית ברא — דורך אַלע אייביקע וועגן פון אייביקן פאָלק — צום ווייטן יידישן מאָרגן.

* * * * *

אַרום הונדערט „בינען" האָבן איבער־געלעבט דעם גרויסן יידישן חורבן און די בינישע געוויינהייטן — דערקלערן זיי — האָבן זיי אַ סך געהאָלפן דורכצומאַכן און איבערלעבן די אימהדיקע יאָרן. צע־שאָטן איבער אַלע ארבע פינות העולם, ווו דער גורל האָט זי דערפירט אויפצו־בויען זייער היים און לעבן, העלפט די מערהייט פון אויפצושטעלן און אויפצו־האַלטן די פּאָזיציעס פאַר יידיש לשון און יידיש לעבן. און הגם דער נעכטיקער יונגער שוואַרצוואַלד שפּאַנט שוין אַריבער די גרענעץ צום יידישן גרויוואַלד, ראַפּאַר־טירן זיי אויפן יונגן בינישן שטייגער און באַגריסן דעם „קנופּער", דעם לערער און איינספּיראַטאָר פון אַ פולבלוטיקער יידיש־יידישקייט, רבנו אברהם גאַלאַמב שיחיה.

און ס'איז געוואָרן יום־טוב אין שול און אין אונדזערע הערצער.

דערווייל, חבר גאָלאָמב, וואַרט אויף מיר אַ בחור און ער וויל מיט מיר אַרויסגיין. אָבער מאָרגן מוז איך זיין צוריק אין שול פרי, און זונטיק פרי מוז איך אויך זיין אין קלאַס. פרעג איך טאַקע דעמאָלסט ביי אייך: „זאָגט מיר חבר גאָלאָמב, ווען וועל איך האָבן צייט אַ ביסל אַרויסגיין מיט אָט דעם בחור?"

ענטפערט איר גלייך: „נו, מלכה, באַוויז טאַקע אַ קונץ, אי זיי אַ גוטע לערערקע, אי האָב חתונה."

ס'איז קלאָר, מיין טייערער פּרינציפּאַל, חבר גאָלאָמב, איר האָט אויף אונדז אַלעמען געווירקט; איר האָט מיט אייער קומען געבראַכט מיט זיך אַ באַשטימטע אַטמאָספערע.

די יידישע באַפעלקערונג אין וויניפּעג, אייערע סטודענטן — אַלע, אַלע האָבן געשעפּט פון אייער קוואַל, אַלץ וואָס איר האָט צוזאַמענגעקליבן ביים יידישן פאָלק אין משך פון דורות, אַלץ וואָס איר האָט דורכגעלעבט מיט די יונגע לערערס אין די לערער־סעמינאַרן אין פּוילן, האָט איר געבראַכט צו אונדז און מיר, די יונגע לערערס האָבן געפּרוווט אייך העלפן איינפלאַנצן אין די הערצער פון די קינדער אַ ליבע צו אונדזערע אוצרות, דורך געזאַנג און ליטעראַטור.

ביי מיר פּערזענלעך האָט איר אויפגעוועקט אַ ווילן און אַ דראַנג ליב צו האָבן מיין לערעריי — און צו וועלן ווערן אַ בעסערע לערערקע.

בעת די קלאַסן־הפסקות האָבן מיר אויך געהאַט דעם פאַרגעניגן מיט אייך צו זיצן אין אייער פּיצעלע אָפיס אויפן צווייטן שטאָק. געדענקט איר ווי איר פלעגט צוגרייטן הייסע טיי פאַר אונדז? מיר פלעגן ברענגען געבעקס און זיך טיילן מיט קיכלעך און טאָרטן פאַרשיידענע. מיר פלעגן זיך דורכשמועסן און דיסקוסירן פאַרשיידנס. איר פלעגט אַריינפלעכטן אַנעקדאָטן פון לערער־סעמינאַר.

ווען דער זומער האָט זיך גענומען באַווייזן — און קיין הייסע טיי האָבן מיר שוין ניט געוואָלט — האָט איר באַוויזן אַ שטיקעלע „גאָלאָמביזם", וואָס מיר דערמאָנען אַלע ביז היינטיקן טאָג:

איר האָט אַריינגערופן אַ תלמיד און אים געגעבן געלט און געהייסן אַז ער זאָל „זיין אַזוי גוט און אַריבערלויפן אין קראָם און אייך ברענגען אַ „זיבן אַרויף" („סעווען אַפּ"). מיר האָבן אַלע געמיינט אַז מיר וועלן פּלאַצן פון געלעכטער. דעם אינצידענט האָבן מיר דערציילט און איבערדערציילט זייער אָפט — און מיר פלעגן מיט דעם באַווייזן וואָס פאַראַ כוחות פאַרן אויפהאַלטן און פאַרשטאַרקן יידיש אין אַמעריקע דער גרויסער גאָלאָמב האָט אין זיך געטראָגן.

אין די ערנסטע מאָמענטן, ביי די לערער ראַט זיצונגען—לערערס דיסקוסירן פּראָבלעמען — מען איז אָפט פאַרצווייפלט — לעקציעס געלינגען אָפט מאָל ניט — אָבער איר מוטיקט אונדז. מיר האַלטן קורצע קאָנפערענצן צוזאַמען — און איר גיט אונדז גלויבן אין אונדזערע „לערערישע כוחות."

דערווייל גייען פאַרביי עטלעכע יאָר. איך האָב חתונה געהאַט פאַרן „בחור" און מיר פאַרקלייבן זיך אין מאָנטרעאַל. איך האָב אָנגעפאַנגען אַרבעטן אין דער י. ל. פּרץ שול. איך פיל זיך זיכער און „אין דער היים", און איך נוץ אויס אין טאָגשול אַלץ וואָס כ'האָב פון אייך געלערנט. איך האָב הנאה פונעם לערנען און איך פלעג קלערן: „חבר גאָלאָמב וואָלט געוויס געהאַט נחת, ווען ער וואָלט באַזוכט מיין קלאַס אין מאָנטרעאַל."

* * * * *

איצטער, מיט 35 יאָר שפּעטער, וווינען מיר ניט ווייט פון אייך אין לאָס אַנדזשעלעס. צוערשט האָב איך זיך געזאָרגט: ווי אַזוי וועט מיין מאַן קענען פירן מיט מיין חבר גאָלאָמב אַ געשפּרעך אין יידיש? כ'האָב זיך אומזיסט געזאָרגט! איר האָט זיך ביידע גאַנץ גוט באַקאַנט און גערעדט און זיך געטיילט מיט אינפאָרמאַציע, פון דער וועלט פון וויסנשאַפט. אייער יידיש און מיין מאַנס יידיש האָבן זיך גאַנץ גוט אויסגעמישט.

איצטער, שרייבנדיק, שווימען אַרויף פאַרשיידענע עפּיזאָדן. איך ברענג אייך און רבקהן אָפט אַוואָקאַדאָס פון אונדזער